# וויאזוי צו טעסטן אייערע מעדיצינען

# נוצנדיג פענטעניל טעסט סטריפס

NYC Health

# פארוואס זאל איך טעסטן מיינע דראגס פאר פענטעניל?

- פענטעניל איז א מאכטפולע אפיאויד וואס פארגרעסערט די ריזיקע פון איבערדאזע.
- פענטעניל ווערט אפט געטראפן אין הערוין. עס איז אויך דא אין קאקעין , קרעק, מעטאמפעטאמיין , קעטאמין, און אין פילן וואס זענען נישט פון מעדיצינישע קוועלער.
- פענטעניל קען נישט ווערן באמערקט דורך זען, טעם, שמעק אדער בארירונג.
- דאס וויסן אויב די מעדעצינען וואס איר פלאנט צו נעמען ענטהאלטן פענטעניל קען פארמינערן אייער ריזיקע פון איבערדאזע.



# וואס זענען פענטעניל טעסט סטריפס?

- טעסט סטריפס קענען אייך לאזן וויסן אויב אייערע דראגס פארמאגן פענטאניל, אבער נישט וויפיל דערפון עס איז דא אדער ווי שטארק עס איז.
- טעסט סטריפס קען צוריקהאלטן איבערדאזע אויב עס ווערט גענוצט פאסיג און מיט אנדערע ריזיקע פארמינערונג פראקטיצירונגען.



# וויאזוי קען איך טעסטן מיינע דראגס פאר פענטעניל?

עס זענען פאראן דריי אופנים צו טעסטן אייערע דראגס פאר פענטעניל. וועלט אויס וואס עס ארבעט די בעסטע פאר אייך.

## שריט 1: וועלט אויס אייער אויסוואל.



### ערשטע ברירה

- צולאזט אלע דראגס וואס איר פלאנט צו נוצן אין וואסער נאכפאלגנדיג די אנווייזונגען אין **שריט 2**.
  - דאס איז דער מערסטער אקוראטער וועג צו טעסטן אייערע דראגס וויבאלד פענטעניל ווערט נישט אלעמאל אייניג אויסגעמישט אדורך און אדורך. אויב איר קענט נישט טעסטן אויף דעם אופן , פרובירט **ברירה 2 אדער 3**.
  - נאכן טעסטן אייערע דראגס אויף דעם וועג , קען איר עס טרינקען, עס אריין אטעמען דורך די נאז נוצנדיג א ריינע נאז שפריץ מאשין אדער ווארטן ביז די וואסער וועפט אויס עס צו נוצן.



### צווייטע ברירה

- צומאל גענצליך אייערע דראגס אויף א ריינעם אויבערפלאך.
- לייגט אריין די מעדיצין אין א קליינע פלאסטיק זעקל און שאקלט דעם זעקל עס אויסצומישן.
- ליידיגט אויס דאס זעקל און לייגט די דראגס אין דער זייט. אביסל אפפאל פון דער דראג זאל בלייבן אינעם זעקל .
- לייגט צו וואסער צום זעקל נאכפאלגדיג די אנווייזונגען אין **שריט 2**.

## דריטע ברירה



- לייג 10 מיליגראם (מ''ג) פון אייערע דראגס (גענוג צוצודעקן עיבערהעמס לינקאלן'ס האר אויף א פעני) אין א ריינע, טרוקענע האלטער.
- אויב איר קענט נישט טעסטן 10 מ''ג פון אייער מעדעצין , לייג כאטש עטליכע קערלעך אין א ריינעם טרוקענעם האלטער.
- לייגט צו וואסער צום האלטער נאכפאלגדיג די אנווייזונגען אין **שריט 2**.



## שריט 2: לייגט צו וואסער.

- לייגט צו וואסער צו אייער מעדעצין און מישט עס אויס.
  - פאר **מעט, MDMA און עקסטעסי**, נוצן איין טיי - לעפל וואסער פאר יעדע 10 מ''ג פון קריסטאל אדער פאודער וואס איר טעסט.
  - פאר **אלע אנדערע דראגס**, נוצט א האלבע טיי - לעפל וואסער.

## שריט 3: נוצט דעם טעסט סטריפ.



- פלאצירט דעם סטריפ מיט דאס זייט וואס האט כוואליע פארעמס אין דעם וואסער. לאזט דעם סטריפ איינזאפן די וואסער פאר 15 סעקונדעס.
- נעמט ארויס דעם סטריפ און לייגט עס אויף א פלאכן אויבערפלאך פאר צוויי מינוט.
- ליינט דעם רעזולטאט (זע ''וואס מיינען די טעסט רעזולטאטן**?**'').

## עצות צו טעסטן אייערע דראגס:

- נוצט נישט טעסט סטריפס מער ווי איינמאל.
- צומאלט גענצליך **פילן און טאבלעטן**, לייגט צו וואסער און מישט עס גוט אויס. אויב איר ווילט נישט טעסטן די גאנצע פיל , צוברעכט עס אין האלב און טעסט א חלק פון דעם מיטן.

# וואס מיינען די טעסט רעזולטאטן?



- **פאזיטיוו טעסט:** פענטעניל אדער אן ענליכע סינטעטישע אפיאויד איז געווארן דערשפירט אין אייערע דראגס. אויב איר פלאנירט נישט צו נוצן פענטעניל אדער אפיאויד, פארמיידט צו נוצן די דראגס אדער זעט די "וואס נאך קען איך טון צו פארקלענערן די ריזיקע פון איבערדאזע?" אפטיילונג אויף די הונטערשטע זייט פון די מאטריאל.

---



- **נעגאטיווע טעסט:** פענטעניל אדער אן ענליכע סינטעטישע אפיאויד איז **נישט** געווארן אויפגעכאפט אין אייערע דראגס. געדענקט, קיין שום טעסט איז נישט 100% אקוראט און אייער דראגס קען נאך אלץ ענטהאלטן פענטעניל אדער אן ענליכע סינטעטישע אפיאויד.

---



- **נישט ריכטיגע טעסט:** טעסט נאכאמאל אייערע דראגס נוצנדיג א נייעם סטריפ.

# וואס נאך קען איך טון צו פארקלענערן מיין ריזיקע פאר אן איבערדאזע?



- נוצט דראגס מיט אנדערע מענטשן און און בייט זיך מיט זיי דאס צו נוצן.




- באקומט נאלאקסאן (אדער Narcan). נאלאקסאן איז א זיכערע און גרינג-צו-נעמען מעדיצין וואס קען צוריקדרייען די אפעקט פון אן אפיאויד איבערדאזע. רופט **311** אויסצוגעפינען וואו איר קענט באקומען נאלאקסאן פריי פון אפצאל.
- פארן נוצן דראגס, בעט איינעם וועמען איר געטרויעט, אייך אפט נאכצוקוקן.



- גייט צוביסלעך דורך נעמען קליינע קוואנטומען .
- פארמיידט צו מישן דראגס.

פאר מער אינפארמאציע, סקענט די QR קאוד אדער באזוכט **nyc.gov/health/fentanyl**.